Human Resources Administration
Department of Homeless Services
Department of Social Services

# CityFHEPS אפט געפרעגטע פראגעס

**(פאר איינוואוינער פון די היימלאזע סערוויסעס דעפארטמענט אדער יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע שעלטערס אדער די וועלכע זענען היימלאז אויף די גאס)**

**(Yiddish)**

די דאקומענט ערקלערט אלגעמיינע אינפארמאציע איבער די CityFHEPS פראגראם. די אינפארמאציע איז געמאכט פאר הויזגעזינדער וועלכע זענען יעצט אין שעלטערס אדער זענען היימלאז אויף די גאס און געבן זיך איין פאר CityFHEPS צום ערשטן מאל. עס איז נישט געמאכט צו געבן פולע איינצלהייטן איבער די וועג וויאזוי די CityFHEPS פראגראם ארבעט.

**וואס איז CityFHEPS?**

CityFHEPS איז א רענט הילף פראגראם צו העלפן אינדיווידועלן און פאמיליעס טרעפן און בלייבן מיט א וואוינונג. עס ווערט אנגעפירט דורך די סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (Department of Social Services, DSS), וואס נעמט אריין סיי די היימלאזע סערוויסעס דעפארטמענט (Department of Homeless Services, DHS) און סיי די יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (Human Resources Administration, HRA).

**קען איך באקומען CityFHEPS אויב איך בין אין א HRA אדער DHS שעלטער?**

נישט יעדער מענטש אדער פאמיליע וואס וואוינט יעצט אין א שעלטער קען זיין בארעכטיגט פאר די פראגראם. אויב איר ציעט זיך ארויס פון א DHS אדער HRA שעלטער, מוז זיין אז אייער הויזגעזינד האט נישט געוואוינט אין דעם וואוינונג וואו איר ציעט זיך אריין אין סיי ווען אין די פארגאנגענע יאר.

כדי צו באקומען CityFHEPS, מוז אייער הויזגעזינד נאכקומען די פאלגנדע פאדערונגען:

a. מוז האבן א גראוס איינקונפט פון אדער אונטער 200% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל*,
b. באקומען קעש הילף, אויב בארעכטיגט;
c. נישט זיין בארעכטיגט פאר קיין שום אנדערע רענט הילף פראגראם, אריינגערעכנט FHEPS;

★ אויב איר זענט אן איינצלנער ערוואקסענער מענטש וואס פארדינט די מינימאלע געהאלט און ארבעט כאטש 35 שעה א וואך, קען אייער גראוס איינקונפט זיין מער ווי 200% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל.

**און**

1. עס מוז נאכקומען **__איינס__** פון די פאלגנדע פאדערונגען:
   a. זיין א פאמיליע וואס וואוינט אין א DHS שעלטער *; **אדער**
   b. זיין אן איינצלנער ערוואקסענער מענטש וואס וואוינט אין א DHS שעלטער *;
   c. וואוינען אין א HRA שעלטער *;
   d. וואוינען אין א DHS שעלטער און זיין בארעכטיגט פאר א HRA שעלטער *;

★ אויב איר ציעט זיך ארויס פון א DHS אדער HRA שעלטער, מוז זיין אז אייער הויזגעזינד האט נישט געוואוינט אין דעם וואוינונג וואו איר ציעט זיך אריין אין סיי ווען אין די פארגאנגענע יאר.

**און**

**(מישט די בלאט)**

2. עס קומט **אויך** נאך **איינס** פון די פאלגנדע פאדערונגען:
   a. די הויזגעזינד פארמאגט אן ערוואקסענער מענטש וואס האט געארבעט (סאבסידייזד אדער נישט סאבסידייזד) 10 שעה א וואך פאר די לעצטע 30 טעג;
   b. איינער אין די הויזגעזינד האט א דיסאביליטי (באקומט פעדעראלע דיסאביליטי בענעפיטן אדער באקומט אנגייענדע קעש הילף און איז אויף די WeCARE SSI גאנג);
   c. איינער אין די הויזגעזינד איז 60 יאר אלט אדער עלטער;
   d. איינער וואס איז 18 יאר אלט אדער עלטער איז אויסגעשלאסן פון די קעש הילף ארבעט פאדערונגען וויבאלד מען דארף זיי האבן אינדערהיים זיך אפצוגעבן מיט א דיסעיבלד פאמיליע מיטגליד;
   e. די הויזגעזינד פארמאגט איינער וואס האט געדינט אין די אמעריקאנער מיליטער.
   f. די הויזגעזינד וואוינט אין א DHS שעלטער וואס האלט זיך ביים פארמאכן.
   g. די הויזגעזינד איז רעפערירט געווארן דורך א CityFHEPS בארעכטיגונגס פראגראם, און DSS האט באשטימט אז מען דארף האבן CityFHEPS צו קורצער מאכן די צייט אינעם שעלטער. (אויב איר זענט אין א DHS שעלטער און דאס איז גילטיג פאר אייך, וועט אייער קעיס מענעדזשער זען א באמערקונג אין אייער קעיס רעקארד).

אויב איר ציעט זיך ארויס פון א DHS אדער HRA שעלטער, מוז זיין אז אייער הויזגעזינד האט נישט געוואוינט אין דעם וואוינונג וואו איר ציעט זיך אריין אין סיי ווען אין די פארגאנגענע יאר. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס איבער CityFHEPS און אייער בארעכטיגקייט דערפאר, זאלט איר רעדן מיט אייער האוזינג ספעציאליסט אדער קעיס מענעדזשער.

**קען איך באקומען הילף מיטן באצאלן די אפליקאציע קאסטן פאר מיין דירה אויב איך וואוין אין א DHS שעלטער?**

אויב איר וואוינט אין א DHS שעלטער, וועלן מיר מעגליך קענען באצאלן די אפליקאציע קאסטן פאר אייער דירה. רעדט מיט אייער קעיס מענעדזשער אויב איר נויטיגט זיך אין די הילף.

**קען איך באקומען CityFHEPS אויב איך בין היימלאז אויף די גאס?**

אויב איר זענט היימלאז אויף די גאס, שלאפט אין א דראפ-אין צענטער אדער וואוינט אין אן איבערגאנג האוזינג וואוינונג, וועט איר דארפן באקומען סערוויסעס פון א פראוויידער וואס איז אונטער א קאנטראקט מיט DHS כדי צו זיין בארעכטיגט פאר CityFHEPS. איר קענט אויך זיין בארעכטיגט פאר CityFHEPS אויב איר וואוינט אין א פערמענאנטע וואוינונג נאכן ווערן ארויסגעשטעלט פון א דראפ-אין צענטער, איבערגאנג האוזינג וואוינונג אדער דירעקט פון די גאס.

איר מוזט נאכאלץ נאכקומען די איינפאכע CityFHEPS בארעכטיגטקייט פאדערונגען:

1. מוז האבן א גראוס איינקונפט פון אדער אונטער 200% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל*,
2. באקומען קעש הילף, אויב בארעכטיגט;
3. נישט זיין בארעכטיגט פאר קיין שום אנדערע רענט הילף פראגראם;

* אויב איר זענט אן איינצלנער ערוואקסענער מענטש וואס פארדינט די מינימאלע געהאלט און ארבעט כאטש 35 שעה א וואך, קען אייער גראוס איינקונפט זיין מער ווי 200% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל.

אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס איבער CityFHEPS און אייער בארעכטיגקייט דערפאר, זאלט איר רעדן מיט אייער האוזינג ספעציאליסט אדער קעיס מענעדזשער.

**ווי אזוי וועל איך וויסן אויב איך בין בארעכטיגט פאר CityFHEPS?**

איר וועט וויסן אז איר זענט מעגליך בארעכטיגט פאר CityFHEPS ווען איר באקומט די "איינקויף בריוו" און "הויזגעזינד טייל בריוו." די בריוון ווערן געשיקט דורך DSS און איר וועט עס באקומען פון אייער האוזינג ספעציאליסט אדער קעיס מענעדזשער. איינמאל איר באקומט די בריוון, קענט איר אנהויבן זוכן א פלאץ צו וואוינען.

וויבאלד איר טרעפט א פלאץ צו וואוינען, זאלט איר לאזן וויסן פאר אייער האוזינג ספעציאליסט אדער קעיס מענעדזשער. זיי וועלן אייך העלפן אריינשיקן די נויטיגע דאקומענטן אז DSS זאל קענען באשליסן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר CityFHEPS און אויב אייער דירה איז בארעכטיגט פאר די פראגראם.

**מוז איך באקומען קעש הילף כדי צו קענען באקומען CityFHEPS?**

אויב אייער הויזגעזינד איז בארעכטיגט צו באקומען קעש הילף, מוזט איר באקומען די בענעפיטן. אויך, קענט איר נישט האבן קיין "סאנקציעס" אויף אייער קעיס. א סאנקציע איז ווען איר, אדער איינער אין אייער הויזגעזינד, פאלגט נישט אויס די HRA פארשריפטן און אייער הויזגעזינד באקומט וויינינגער בענעפיטן. אויב איר אדער איינער אין אייער הויזגעזינד האט א סאנקציע, מוזט איר גיין צו אייער DSS/HRA בענעפיטן צוטריט צענטער און עס אראפנעמען איידער איר קענט באקומען CityFHEPS.

**ווי לאנג קען איך ווייטער באקומען CityFHEPS?**

די CityFHEPS פראגראם ערלויבט געווענליך עס צו באנייען יעדע יאר פאר פיר יאר, מיט נאך פארלענגערונגען מעגליך פאר א "גוטע סיבה."

די פינף-יאר מאקסימום גייט נישט אן פאר הויזגעזינדער וועלכע פארמאגן איינער וואס איז 60 יאר אלט אדער עלטער, אדער וועלכע פארמאגן אן ערוואקסענער מענטש וואס באקומט פעדעראלע דיסאביליטי בענעפיטן. באנייען די בענעפיטן ווענדט זיך אין אויב די הויזגעזינד קומט ווייטער נאך די בארעכטיגקייט פאדערונגען און אויב מען קען ווייטער באקומען די געלטער.

**וואס זאל איך טון מיט די איינקויף און הויזגעזינד טייל בריוון?**

איינמאל איר זענט באשטימט געווארן אלץ מעגליך בארעכטיגט צו באקומען CityFHEPS דורך DSS, וועט אייער קעיס מענעדזשער אדער האוזינג ספעציאליסט אייך געבן צוויי דאקומענטן: אן איינקויף בריוו און א הויזגעזינד טייל בריוו.

דאס אז איר באקומט די בריוון, מיינט נישט אז איר זענט זיכער בארעכטיגט פאר CityFHEPS. עס מיינט נאר אז איר וועט מעגליך ווערן בארעכטיגט פאר CityFHEPS. אייער בארעכטיגקייט פאר די פראגראם וועט נאר ווערן באשטימט איינמאל איר טרעפט א בארעכטיגטע דירה, איינציגע צימער וואוינונג (single room occupancy, SRO) יוניט אדער צימער און אייער קעיס מענעדזשער אדער האוזינג ספעציאליסט געבט אריין א פעקל פון נויטיגע דאקומענטן צו DSS.

איינמאל איר באקומט די איינקויף און הויזגעזינד טייל בריוון, זאלט איר זיי איבערקוקן און אדורכרעדן מיט אייער קעיס מענעדזשער אדער האוזינג ספעציאליסט. אויב די פערזענליכע און איינקונפט אינפארמאציע אין די בריוון זענען ריכטיג, וועט אייער קעיס מענעדזשער אדער האוזינג ספעציאליסט אייך העלפן אנהויבן זוכן א דירה צו וואוינען אין.

**(מישט די בלאט)**

**וואס זאל איך טון מיט די איינקויף און הויזגעזינד טייל בריוון *(ווייטער)*?**
עס איז אייער פאראנטווארטליכקייט צו זוכן און טרעפן א דירה. ווען איר זוכט, זאלט איר גוט אדורכטראכטן וועלכע זאכן זענען די וויכטיגסטע פאר אייך. צום ביישפיל, אפשר דארפט איר זיין נאנט צו פאמיליע, שולע, דאקטוירים, א.ד.ג.

**וויאזוי וועלן די בריוון מיר העלפן טרעפן א דירה?**
ווען איר זוכט א דירה און רעדט מיט לענדלארדס, וועט די איינקויף בריוו דינען אלץ א וועגווייזער פאר אייך, פאר אייער מעגליכע לענדלארד און פאר סיי וועלכע בראוקער וואס איר וועט ארבעטן מיט.

די איינקויף בריוו וועט לאזן וויסן פאר אייך, די לענדלארד און/אדער א בראוקער:

- די העכסטע סומע פון רענט וואס CityFHEPS וועט צאלן פאר א הויזגעזינד פון אייער גרויסקייט און די סארט דירה וואס מען קען אויסוועלן (ד.מ. דירה, צימער, SRO);
- טייל פון די פינאנציעלע באלוינען וואס DSS קען פארשלאגן פאר די לענדלארד אדער בראוקער; *און*
- די סארט דאקומענטן וואס מען דארף באקומען פון די לענדלארד אדער בראוקער צו קענען פארזעצן מיט די CityFHEPS בארעכטיגקייט אפשאצונג.

די הויזגעזינד טייל בריוו איז **בלויז פאר אייער באנוץ.** עס איז **נישט** געמאכט צו ווערן מיטגעטיילט מיט צוקונפטיגע לענדלארדס אדער בראוקערס.

די הויזגעזינד טייל בריוו לאזט אייך וויסן:

- אייער מעגליכע CityFHEPS רענט הילף צוגעקומענע סומע;
- וויפיל פון די רענט איר וועט מעגליך דארפן באצאלן (אייער "הויזגעזינד טייל"); *און*
- די סיבות פארוואס איר זענט מעגליך בארעכטיגט צו באקומען CityFHEPS.

די בריוו זאגט אויך וועלכע הויזגעזינד איינקונפט אינפארמאציע די DSS האט אינעם רעקארד פאר אייך און/אדער אייער הויזגעזינד. עס איז וויכטיג אז איר זאל איבערקוקן די אינפארמאציע צו מאכן זיכער אז עס איז ריכטיג. אויב איר ווערט בארעכטיגט פאר CityFHEPS, וועט איר באקומען א בריוו פון די DSS מיט אייער ענדגילטיגע הויזגעזינד טייל. אויב אייער אינפארמאציע טוישט זיך פון ווען איר באקומט אייער הויזגעזינד טייל בריוו, וועט די סומע וואס שטייט אויף אייער בארעכטיגונגס בריוו פון וויפיל איר דארפט באצאלן מעגליך זיין אנדערש. אייער בארעכטיגונג בריוו האט די ריכטיגע סומע פון וויפיל איר דארפט באצאלן.

**וועלכע סארט וואוינונג קען איך דינגען נוצנדיג CityFHEPS? וואו קען איך נוצן מיין CityFHEPS?**
איר קענט נוצן CityFHEPS צו דינגען א דירה איבעראל אין ניו יארק סטעיט. איר קענט אויך נוצן CityFHEPS צו דינגען אן איינציגע צימער אין א דירה אדער א SRO יוניט וואס איז אין די פינף (5) באראוס פון ניו יארק סיטי. די רענט און יוטיליטי סומעס וואס שטייען אויף די דאקומענטן זענען נאר גילטיג אויב איר ציעט זיך אריבער צו א פלאץ אינערהאלב ניו יארק סיטי. אויב איר טראכט פון זיך ארייננציען אין א דירה וואס איז אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, אבער נאך אין ניו יארק סטעיט, זאלט איר ביטע ארויפגיין אויף די DSS CityFHEPS וועבזייטל צו זען די סומעס פון די גאנצע סטעיט אויף [https://www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page](https://www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page).

SRO יוניטס זענען נאר געמאכט פאר הויזגעזינדער מיט איין ערוואקסענער מענטש. די מאקסימום רענט וואס CityFHEPS וועט ערלויבן אין ניו יארק סיטי איז $1,985 א חודש.

אן איינציגע צימער איז געמאכט פאר א הויזגעזינד וואס האט נישט מער פון צוויי ערוואקסענע מענטשן. די מאקסימום רענט וואס CityFHEPS וועט ערלויבן אין ניו יארק סיטי איז $1,100 א חודש.

**(מישט די בלאט)**

**וועלכע סארט וואוינונג קען איך דינגען נוצנדיג CityFHEPS? וואו קען איך נוצן מיין CityFHEPS *(ווייטער)*?**

די באצאלונג סטאנדארטן זענען די מאקסימום סומעס געלטער וואס HRA וועט באצאלן פאר די אייגנטומער אדער לענדלארד פון די CityFHEPS טענענט. HRA's באצאלונג סטאנדארטן זענען באזירט אויף די סעקשין 8 סטאנדארט אנגענומען דורך די ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA).

די באצאלונג סטאנדארטן ווענדן זיך אין די צאל שלאף צימערן און אויב אלע אדער טייל פון די יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט אין די פרייז. מאכט זיכער אז איר ווייסט וועלכע יוטיליטיס, אויב בכלל, זענען אריינגערעכנט אין די רענט. די טאוול אונטן ווייזט די מאקסימום סומע וואס HRA וועט באצאלן געוואנדן אין די צאל שלאף צימערן און אין וועלכע סארט יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט אין די רענט, אויב בכלל.

די באצאלונג סטאנדארט גייט אויך ארויף אויף די מאקסימום צאל שלאף צימערן וואס HRA וועט צאלן פאר. באצאלונג סטאנדארטן זענען געוואנדן בלויז אין די צאל מענטשן וועלכע וואוינען אין די ארויסגעהאלפענע הויזגעזינד. HRA וועט באצאלן פאר איין שלאף צימער/פלאץ צו שלאפן פאר יעדע צוויי מענטשן. צום בייישפיל, אויב עס זענען דא 3 מענטשן, וועט HRA צאלן פאר א דירה פון 2 שלאף צימערן וויבאלד דאס וועט ערלויבן 2 מענטשן צו שלאפן אין איין שלאף צימער און 1 מענטש אין די אנדערע.

די סומעס אין די טאוול אונטן זענען נאר גילטיג אויב איר ציעט זיך אריבער אינערהאלב ניו יארק סיטי. אויב איר טראכט פון זיך ארויסציען פון ניו יארק סיטי, אבער נאך אין ניו יארק סטעיט, זאלט איר ביטע ארויפגיין אויף די DSS CityFHEPS וועבזייטל צו זען די סומעס פון די גאנצע סטעיט אויף [https://www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page](https://www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page).

| **גרויסקייט פון פאמיליע** | **צאל שלאף צימערן** | **באצאלונג סטאנדארט* (גילטיג 07/01/2025)** |
|---|---|---|
| **1** | **SRO** | **$1,985** |
| **1** | **סטודיא** | **$2,646** |
| **1 אדער 2** | **1** | **$2,762** |
| **3 אדער 4** | **2** | **$3,058** |
| **5 אדער 6** | **3** | **$3,811** |
| **7 אדער 8** | **4** | **$4,111** |
| **9 אדער 10** | **5** | **$4,728** |
| **11 אדער 12** | **6** | **$5,345** |
| **13 אדער 14** | **7** | **$5,962** |
| **15 אדער 16** | **8** | **$6,579** |
| **17 אדער 18** | **9** | **$7,196** |
| **19 אדער 20** | **10** | **$7,812** |

*די באצאלונג סטאנדארטן אין די טאוול אויבן זענען די סומעס פון מאקסימום רענט אויב <u>אלע יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט</u> אין די ליעס.

**(מישט די בלאט)**

**וואס איז אויב איך טרעף א דירה וואס האט ווייניגער שלאף צימערן ווי וואס שטייט אויף מיין איינקויף בריוו?**
HRA וועט באצאלן די סטאנדארט באזירט אויף די פאקטישע רענט, נישט אויף דעם איינקויף בריוו. צום ביישפיל, אויב אייער איינקויף בריוו זאגט אז איר קענט דינגען א דירה מיט 3 שלאף צימערן, אבער איר דינגט א דירה מיט 2 שלאף צימערן, וועלן מיר באצאלן ביז די סטאנדארט פאר א דירה פון 2 שלאף צימערן. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס איבער א געוויסע דירה וואס איר זעט אדער סיי וועלכע אנדערע ספעציעלע אומשטענדן וועלכע קומען ארויף, קענט איר בעטן אייער קעיס מענעדזשער צו ארויפברענגען די דירה פאר איבערזיכט.

**וואס איז אויב איך טרעף א דירה וואס האט מער שלאף צימערן ווי וואס שטייט אויף מיין איינקויף בריוו?**
HRA וועט באצאלן די סטאנדארט באזירט אויף די מאקסימום דירה גרויסקייט פאר אייער הויזגעזינד. צום ביישפיל, אויב אייער איינקויף בריוו זאגט אז איר קענט דינגען א דירה מיט 2 שלאף צימערן, קענט איר דינגען א דירה מיט 3 שלאף צימערן אויב עס קומט נאך די באצאלונג סטאנדארט פאר א דירה פון 2 שלאף צימערן (אויב איר ציעט זיך אריבער אינערהאלב ניו יארק סיטי, איז די באצאלונג סטאנדארט פאר א דירה פון 2 שלאף צימערן 3,058$).

**וואס איז אויב איך טרעף א דירה וואו די פרייז פון די רענט איז דאס זעלבע ווי מיט אלע יוטיליטיס, אבער די יוטיליטיס זענען נישט אריינגערעכנט? קען איך זיך אויסקומען מיט די לענדלארד אז ער וועט נידערן די רענט און איך וועל באצאלן דאס אונטערשייד?**
HRA וועט נישט באצאלן די פרייז פאר א דירה מיט יוטיליטיס אויב זיי ווערן נישט באצאלט דורך די לענדלארד. לענדלארדס מוזן אויספילן א בויגן וואס געבט איבער פאר HRA וועלכע יוטיליטיס, אויב בכלל, ווערן באצאלט. און ניין, זייטיגע געשעפטן מיט לענדלארדס זענען נישט ערלויבט.

**האט DSS נאך פאדערונגען פאר די דירה/יוניט?**
יא. ענליך צו סעקשין 8, מוזן אלע רענטס דורכגיין א רענט פארשטענדעניש טעסט, וואס דאס מיינט אז די רענט גערעכנט טאר נישט זיין מער ווי אנדערע ענליכע דירות אין יענע געגנט. די רענט פארשטענדעניש טעסט ווערט נאר געטון נאך אלע דאקומענטן ווערן אריינגעגעבן צום DSS.

**וויאזוי רעכנט מען אויס די סומע וויפיל איך דארף באצאלן פון די רענט?**
די סומע וויפיל איר דארפט באצאלן פון די רענט ווערט באשטימט דורך מערערע פאקטארן. זיי נעמען אריין די גרויסקייט פון אייער הויזגעזינד און די איינקונפט פון יעדע הויזגעזינד מיטגליד.

**וויאזוי וועל איך וויסן וויפיל CityFHEPS וועט באצאלן פאר מיין לענדלארד און וויפיל איך וועל דארפן באצאלן?**
אויב איר ווערט בארעכטיגט פאר CityFHEPS, וועט איר באקומען א בארעכטיגונג בריוו וואס וועט אייך צייגן וויפיל מיר וועלן באצאלן פאר אייער לענדלארד און וויפיל איר וועט דארפט באצאלן.

**וויאזוי וועלן די מאנאטליכע באצאלונגען ארבעטן?**
DSS וועט שיקן א טשעק צו אייער לענדלארד יעדע מאנאט פאר די CityFHEPS טייל פון אייער רענט.

**וואס איז אויב מיין קאנטראקט זאגט אז די גאנצע רענט מוז ווערן באצאלט ביז א געוויסע דאטום און אויב נישט וועלן זיין פארשפעטיגקייט קאסטן?**

ווילאנג די רענט ווערט באצאלט אין די מאנאט וואס די רענט איז שולדיג, הייסט עס נישט שפעט. א לענדלארד קען פרובירן אייך צו רעכענען פאר פארשפעטיגקייט קאסטן, אבער איר קענט נישט ווען ארויסגעווארפן בלויז צוליב פארשפעטיגקייט קאסטן.

**קען די לענדלארד מיר רופן אין געריכט צוליב פארשפעטיגקייט קאסטן?**

די לענדלארד קען אייך נישט ריכטיג רופן אין האוזינג געריכט בלויז צוליב פארשפעטיגקייט קאסטן. די לענדלארד קען אייך אויך נישט רופן אין קליינע קלאגעס געריכט צוליב פארשפעטיגקייט קאסטן גערעכנט פון די CityFHEPS טייל פון די רענט. אבער, זיי קענען אייך רופן אין קליינע קלאגעס געריכט אויב אייער טייל איז שפעט און פארשפעטיגקייט קאסטן זענען שוין גערעכנט געווארן. אויב איר מוטשעט זיך מיט באצאלן אייער הויזגעזינד טייל, פארבינדט זיך מיט Homebase (הייםבאזע) צו זען וועלכע הילף איר קענט באקומען. רופט **311** צו טרעפן דעם נאנטסטן Homebase צענטער.

**האב איך דעם רעכט צו פארבלייבן אין די זעלבע הויזינג יוניט אזוי לאנג ווי איך באקום CityFHEPS?**

געווענליך, אויב איר וואוינט אין א רענט-אנגעפירטע יוניט, קענט איר בלייבן אין אייער יוניט. אויב נישט, איז אייער רעכט צו פארבלייבן אינעם יוניט געוואנדן אין די באדינגונגען פון אייער ליעס.

**וואס פאסירט אויב מיין איינקונפט טוישט זיך און איך קען מער נישט באצאלן מיין טייל פון די רענט?**

איר קענט אריינגעבן א פארלאנג צו טוישן אייער סומע צו HRA מיט אייער נייע איינקונפט דאקומענטן בייגעלייגט.
איר קענט געפונען דעם פארלאנג צו טוישן אייער CityFHEPS רענט הילף צוגעקומענע סומע אנליין אויף
.https://www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page

**ווען קען מיין רענט געהעכערט ווערן?**

אויב איר וואוינט אין א רענט-אנגעפירטע דירה, קען אייער רענט בלויז ארויפגיין מיט די סומע וואס איז ערלויבט דורך די געזעץ. אויב איר זענט נישט אין א רענט-אנגעפירטע דירה, קען אייער לענדלארד העכערן אייער רענט ווען איר באנייעט אייער ליעס. איר קענט אריינגעבן און אונטערגעשריבענע ליעס מיט די רענט העכערונג סומע מיט אייער באנייאונג אדער קענט איר נוצן דעם פארלאנג צו טוישן אייער SHARE רענט הילף צוגעקומענע סומע אנליין אויף
.https://www.nyc.gov/site/hra/help/cityfheps-documents.page

**וואס איז אויב מיין לענדלארד זאגט אז איך דארפט באצאלן איבריגע געלט?**
אייער לענדלארד קען אייך נישט בעטן צו באצאלן מער פון וויפיל מיר האבן באשטימט איז די סומע פון אייער הויזגעזינד טייל אויסער אויב אייער שעלטער ערלויבעניש גייט אראפ. אויב דאס פאסירט, וועט איר דארפן באצאלן דעם אונטערשייד. אייער לענדלארד קען אייך נישט בעטן פאר א סעקיוריטי דעפאזיט וויבאלד DSS געבט זיי א וואוטשער פאר סעקיוריטי. אויב אייער לענדלארד בעט אייך צו באצאלן מער געלט, ביטע זאגט דאס פאר אייער קעיס מענעדזשער האוזינג ספעציאליסט.

**וואס פאסירט אויב א לענדלארד זאגט אז זיי ווילן נישט נעמען CityFHEPS?**
לענדלארדס/בראוקערס קענען נישט אפזאגן אייך צו פארדינגען א דירה צוליב דאס אז איר באקומט CityFHEPS. דאס ווערט אנגערופן "קוואל פון איינקונפט" דיסקרימינאציע און עס איז קעגן די געזעץ אין ניו יארק סיטי. אויב א לענדלארד אדער בראוקער זאגט זיך אפ פון אייך פארדינגען א דירה צוליב דאס אז איר באקומט CityFHEPS, זאלט איר ביטע רופן די ניו יארק סיטי קאמיסיע פון מענטשליכע רעכטן אויף 212-416-0197.

**ווען זאל איך רופן אויב איך דארף הילף אדער האב א פראגע איבער CityFHEPS?**
איר זאלט ערשט רעדן מיט אייער קעיס מענעדזשער אדער האוזינג ספעציאליסט איבער סיי וועלכע פראגעס וואס איר קענט האבן.

**וואס פאסירט אויב איך מוטשע זיך צו באצאלן מיין רענט אדער האב אנדערע האוזינג פראבלעמען איינמאל איך פארלאז דעם שעלטער?**
נאך וואס איר פארלאזט דעם שעלטער, אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי, קענט איר זיך פארבינדן מיט Homebase פאר נאך-קעיר סערוויסעס. פארבינדט זיך מיט זיי זאפארט אויב איר מוטשעט זיך צו באצאלן אייער רענט, ארייננגערכנט סיי וועלכע רענט העכערונגען אויף ליעס באנייאונגען. רופט **311** צו טרעפן דעם נאנטסטן Homebase צענטער אדער רופט אייער נישט-רעזידענשעל פראוויידער. אויב איר וואוינט נישט אין ניו יארק סיטי, אבער יא אין ניו יארק סטעיט, זאלט איר ביטע רופן 718-557-1399.

**<u>איר זאלט וויסן</u>**

- א לענדלארד אדער בראוקער קען זיך נישט אנטזאגן פון נעמען CityFHEPS. זיך אנטזאגן פון נעמען CityFHEPS קען הייסן קוואל פון איינקונפט דיסקרימינאציע אונטער די ניו יארק סיטי מענטשליכע רעכטן געזעץ אדער ניו יארק סטעיט מענטשליכע רעכטן געזעץ.
- זייטיגע געשעפטן זענען פארבאטן. א זייטיגע געשעפט איז ווען א לענדלארד אדער בראוקער בעט אייך פאר נאך געלט אויפן פלאץ אדער ווייטערדיגע באצאלונגען.
- אויב א לענדלארד אדער בראוקער אנטזאגט זיך פון CityFHEPS אדער בעט אייך פאר א זייטיגע געשעפט, רופט די ניו יארק סיטי קאמיסיע פון מענטשליכע רעכטן אויף 212-416-0197.
- די HRA סעקיוריטי וואוטשער ווערט גערעכנט אלס באצאלונג פון סעקיוריטי. א לענדלארד אדער בראוקער מעג אייך נישט בעטן צו באצאלן מער געלט פאר סעקיוריטי.
- בראוקערס זאלן אייך נישט בעטן צו באצאלן נאך בראוקער קאסטן צוליב דעם וואס DSS צאלט פאר אייער בראוקער'ס פרייז.
- אייער לענדלארד קען אייך נישט צוואונגען צו מופן צו אן אנדערע יוניט.
- רופט גלייך די ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשליכע רעכטן אויף 212-416-0197 אויב די יוניט וואס איר האט געזען אין אייער ווידעא איז נישט דאס זעלבע ווי די יוניט וואס מען געבט אייך אריינצומופן אין.

*CityFHEPS איז ענליך צו די פעדעראלע סעקשין 8 פראגראם מיט דעם אז, געוואנדן ווי סאך געלטער ס'איז דא צו באקומען, וועט עס געבן הילף, אריינגערעכנט ספעציפישע סומעס פון רענט הילף, פאר לענדלארדס און טענענטס וועלכע ווילן אויפשטעלן א לענדלארד-טענענט פארבינדונג. סיי וועלכע פארבינדונג אונטער א קאנטראקט וועט זיין בלויז צווישן יעדע טענענט וואס נעמט אנטייל אין די פראגראם און יעדע טענענט'ס לענדלארד וואס נעמט אנטייל אין די פראגראם.*